**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/12/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול מעלדט וועגן א דורכברעך מיטן אויפשטעלן א 189-יוניט הויזינג דעוועלאפמענט אין היקסוויל אלס טייל פון דעם דאונטאון רעוויטאליזאציע איניציאטיוו**

***111.8 מיליאן פאר א הויזינג קאמפלעקס וועט העלפן אויפשטעלן א ווירבלנדע דאונטאון וועלכע וועט כאראקטעריזירן אלס "הויפט גאס" צו פארבעסערן די געלעגנהייטן פאר לאקאלע ביזנעס מיט נייע הויזינג צו שאפן א מוסטער פון א געמיינדע***

***דאס ענטוויקלונג פון דעם פראיעקט וועט מאכן פולקאם היקסוויל'ס שטאט צענטער רעוויטאליזאציע איניציאטיוו סטראטעגיע דורכן פארברייטערן קאמבינירטע עפארדעבל הויזינג מעגליכקייטן אין דעם שטאט צענטער***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן דאס דורכברעכן און האט באזוכט דעם פלאץ פון נאנט צו א 112 מיליאן קאמבינירטע-באנוץ טראנס-אריענטירטע אנטוויקלונג אין דעם שטאט צענטער פון היקסוויל, איינע פון די הויפט באצאלטע פראיעקטן ארויסצוקומען פון די געמיינדע'ס דאונטאון רעוויטאליזאציע איניציאטיוו פאנדינג פראגראם געגעבן דורך דער סטעיט. די 189-יוניט הויזינג און ריטעיל אנטוויקלונג וועט פארוואנדלען אומבאנוצטע באדן נאנט צו די באן סטאנציע אין לונג איילענד און וועט העלפן ביידע סיי די צילן פון די לאקאלע געמיינדע און סיי די גאווערנער'ס הויזינג פריאריטיס פאר דעם סטעיט.

"די DRI פראיעקט פון לעצטנס וועט אוואנסירן די לאקאלע עקאנאמיע דורכן ברענגען כמעט 200 נייע היימער, ווירבלנדע באדן פאר האנדל, און פיל פלאץ פאר אונטערערד פארקינג זייער נאנט צו די לונג איילענד באן," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די דאונטאון רעוויטאליזאציע איניציאטיוו העלפט געמיינדעס פון איבערן לאנד אויפשליסן געלעגנהייטן, גרייכן זייער העכסטע צילן, אדרעסירן דאס מאנגל פון הייזער און שאפן נייע ארבעט, און מיט די אינוועסטמענט, געבן מיר דעם טאון פון אויסטער בעי די מעגליכקייטן עס ברויך צו בויען א שיינעם, לעבהאפטע שטאט צענטער."

די 99 ניו-ברידזש טראנס-אריענטירטע אנטוויקלונג (transit-oriented development, TOD) ווערט אנטוויקלט דורך AR היקסוויל LLC און וועט צושטעלן א געמיש פון וואוינונג יוניטס, וואס ענטהאלטן 19 דירות באשטימט פאר ארבעטער. דערצו, וועט עס צושטעלן איבער 7,000 סקווער-פיס פון ריטעיל און א ברייטע אפענע פלאץ פארן פאבליק וואס וועט דינען די איינוואוינער און די געמיינדע.

דער אנטוויקלונג ברענגט נייע ביזנעס טעטיגקייט און וואוינונגען פאר די שטאט צענטער פון היקסוויל, דאס איז איינס פון די הויפט צילן דער שטעלט פון היקסוויל האט געשטעלט אלס טייל פון זיינע $10 מיליאן דאונטאון רעוויטאליזאציע איניציאטיוו 2017 געשאנק. דער פראיעקט איז אידענטיפיצירט געווארן אלס איינס פון די געמיינדע'ס DRI פריאריטי פראיעקטן און איז געשאנקען געווארן 1 מיליאן אין DRI געלטער. דער אנטוויקלונג וועט שטעלן שטיצע פאר פיל ביזנעס אונטערנעמונגען צו ציען באזוכער און

איינוואוינער צו דעם געגנט וועלכע וועט ווערן דער צענטער פון סערוויסעס און וועט אוואנסירן דאס פארקער פון ריטעיל טעטיגקייט.

דאס רעשט פון די סטעיט'ס 10 מיליאן DRI אינוועסטמענט אין היקסוויל איז צו צאלן פאר טאון פראיעקטן וועלכע געבן מער צוטריט און פלאץ פאר פוס גייער אין דעם געגנט פון די LIRR סטאנציע. די איניציאטיוון נעמען אריין פוס גייער זיכערהייט פארשטארקונג, פארבעסערן די דורכגאנג און פארשענערן טיילן פון בראדוועי (ראוט 107) און ניו-ברידזש שאסיי, ווי אויך דאס שאפן נייע אפענע פלעצער און א פלאץ פאר פעסטיוואלן. דעזיינס פאר די אלע פראיעקטן ווערן צוגעגרייט.

די DRI פלאנירונג פראצעדור און דאס אויספיר פון די פולשטענדיגע פלאן האט אריינגענומען שטארקע פארנעמונג פון די געמיינדע וואס האט אידענטיפיצירט די לאקאלע געברויכן און די געלטער פאר די פראיעקטן טוען יעצט אויספירן די געברויכן. די קאמבינירטע-באנוץ אנטוויקלונג, צוזאמען מיט די טאון'ס פאבליק געגנט פארבעסערונג פראיעקטן טוען ריאליזירן היקסווילס געמיינדע'ס וויזיע פון א ווירבלנדע שטאט צענטער וואס כאראקטעריזירט אלס "הויפט גאס" אין איינעם מיטן מאכן מער געלעגנהייטן פאר לאקאלע ביזנעס אייגנטומער און דאס אריינפירן נייע הויזינג מארקעטס וואס שאפן א מוסטער פון געמיינדע.

**ניו יארק סטעיט סעקרעטערי פון סטעיט ראבערט ד. רודריגעז האט געזאגט,** "ווידער אמאל זעצט פאר די דאונטאון רעוויטיליזאציע איניציאטיוו צו העכערן דאס סטאנדארט פון אונזער דאונטאון געמיינדעס דורכן צושטעלן הויזינג געלעגנהייטן פאר מענטשן פון אלע שיכטן פון איינקונפט, הונטערגרונד און מעגליכקייטן. דאס אויפבויען די 99 ניו-ברידזש הויזינג קאמפלעקס ברענגט אן אויסוואל פון הויזינג און שטעלט צו א וויכטיגע באשטאנדטייל פון א שטאט צענטער'ס לעבן, ברענגענדיג אונז נענטער צו ריאליזירן דעם גאווערנער'ס וויזיע אויף הויזינג צילן און פאליסיס אין ניו יארק סטעיט."

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פרעזידענט, CEO און קאמישענער הופ נייט האט געזאגט,** "היינטיג'ס גרונטבראך שרייבט איבער די געשיכטע פון אן אומבאנוצטע באדן ווי היקסוויל'ס נייע קאפיטל - א ווירבלנדע, צוגענגליכע, און פולשטענדיגע אנטשייונג. דורכן צוזאמפארען די LIRR און עפארדעבל הויזינג מיט ריטעיל פלעצער, ווערט פארווירקליכט דער טראנס-אריענטירטע, קאמבינירטע-באנוץ אנטוויקלונג פון היקסוויל'ס שטאט צענטער צו א גינסטיגע נעץ פון פארבינדונג וואו די איינוואוינער און ביזנעסעס קענען בליען."

**עמפייער סטעיט אנטוויקלונג באורד טשערמאן קעווין לאו האט געזאגט,** "אזוי ווי שופלעך טוען אפיציעל ברעכן דאס באדן, שטעלט דער פראיעקט אין פארקער א דינאמישער צוקונפט פאר היקסוויל'ס שטאט צענטער. דער טראנס-אריענטירטע אנטוויקלונג איז נישט בלויז א צוזאג; עס איז א וועג צו גרייכן פינאנסיעלע וואוילזיין צושטעלנדיג עפארדעבל הויזינג צוזאמען מיט נייע ריטעיל געלעגנהייטן וואס וועט שאפן ארבעטס פלעצער. די אינוועסטמענטס באצייכנען ניו יארק סטעיט'ס איבערגעגעבנקייט צו העלפן פאמיליעס, באקרעפטיגן ביזנעסעס, און מאכן בליען געמיינדעס."

**LIREDC קא-טשעירס לינדע ארמין, פרעזידענט און CEO ביי בעטפעידזש פעדעראלע קרעדיט יוניאן און דר. דזשאן נאדאר, פרעזידענט פון פארמינגדעיל סטעיט קאלעדזש, האט געזאגט,** "די אינאוואטיווע אנטוויקלונג אינטעגרירט עפארדעבל וואוינונג און ריטעיל אין א וויזיע וועלכע וועט שטארק הייבן היקסוויל'ס עקאנאמישע צוקונפט. די 99 ניו-ברידזש הויזינג קאמפלעקס איז געמאכט צו שטעלן און שטיצן א רייע ביזנעסעס, ברענגענדיג איינוואוינער ווי אויך באזוכער צו די לעבהאפטע צענטער פון סערוויסעס וואס וועלן באצייכנען די נייע היקסוויל פאר די קומענדיגע דורות."

סטעיט סענאטאר סטיוו רהאדס האט געזאגט, "די אלפין פראיעקט איז א וואונדערבארע מוסטער פון וואס קען ווערן דערגרייכט ווען די סטעיט לאזט פריי נאמינירונגס און ארבעט אנשטאטס דעם מיט לאקאלע אויסגעוועלטע באאמטע, ביזנעסעס און איינוואוינער צו בויען הויזינג געלעגנהייטן וואס קאמפלעמענטירן אונזערע געמיינדעס. היקסוויל איז א ווירבלנדע, וואקסנדע און באזונדערע שטעטל און דאס פארוואנדלען פארלאזענע מסחר געביידעס און א צעפאלענעם פארקינג פלאץ צו 189 וואוינונגען מיט מאדערנע באקוועמליכקייטן און פראקטיגע ריטעיל פלעצער הארט לעבן די היקסוויל LIRR סטאנציע וועט העלפן מאכן אן אויסטערלישע געמיינדע און א מער צוציענדע פלאץ צו וואוינען, ארבעטן און אויפשטעלן א פאמיליע."

**אסעמבלימעמבער טשארלס ד. לאווין האט געזאגט,** "גאווערנער האקול און איר טים וויזן ווידער ווי מיר קענען צושטעלן לאו איינקופט איינוואוינער מיט עסטעטישע געפארעמטע אבער עפארדעבל הויזינג מעגליכקייטן. דער באקוועמער לאקאציע וועט געבן די איינוואוינער א גרינגע צוטריט צו פיל רייזע און דערנעבנדע שאפינג מעגליכקייטן. עס איז אויך א הויפט שליסל פארן איבערמאכן די שטאט צענטער פון היקסוויל."

**אסעמבלימעמבער דזשעיק בלומקנקראנץ האט געזאגט,** "נאכדעם וואס די לונג-איילענד מענטשן האבן געהייבן זייער שטים און געהאט ערפאלג צו קאנטראלירן הויזינג אנטוויקלונג אין די לעצטע לעגיסלאטיווע זיצונג, איז די נייע אינוועסטמענט אין היקסוויל א גוטער מוסטער פון די רעזולטאטן וואס צוזאמארבעט מיט לאקאלע גאווערנמענטס קען ברענגען ווען זיי באקומען א פלאץ ארום דעם טיש. הויזינג פאר די ארבעטער און געמיינדע פארשענערונג אוואנסירן דאס לאקאלע ביזנעסעס און געוואוקס און איךווארט אויס צו זען דאס באווירקונג עס וועט האבן אויף דער געגנט פון די רעוויטאליזאציעס."

טאון פון אויסטער בעי סופערווייזער יוסף סאלאדינו האט געזאגט, "א רענעסאנס קומט צו גיין צו די היקסוויל געמיינדע א דאנק צו די 111.8 מיליאן אינוועסטמענט דורך אלפין רעזידענשאל דעוועלאפמענט. צוזאמען, גייען מיר פאראויס מיט די פריוואטע סעקטאר אנטוויקלונגען און פאבליק ארבעטס פארשטארקערונג וועלכע פארוואנדלען די היקסוויל ביזנעס צו א ווירבלנדע שטאט צענטער וואס דער דור פון היינטיגן מילעניאם, פאמיליעס און ליידיגע נעסטן באגערן - מיט הויזינג, רעסטאראנטן און אפיס פלעצער נאנט צו פאבליק טראנספארטאציע. מיין אדמיניסטראציע איז איבערגעגעבן צו פארבעסערן דאס לעבן קוואליטעט אין אונזערע געמיינדעס דורך דאס רעוויטאליזאציע פון שטאט צענטערס, פארבעסערן די שטאט פארקן, און האלטן די טעקס אויף באדן נידעריג. די היינטיגע דורכברעכונג איז בלויז אן אנפאנג פון גרויסע זאכן וואס גייען קומען אין שטאט צענטער פון היקסוויל און איך דאנק גאווערנער האקול פאר איר פארזעצנדע שטיצע פון דעם שטאט צענטער רעוויטאליזאציע איניציאטיוו וועלכע האט צוגעטיילט מיליאנען אין פארעם פון סטעיט גרענטס צו אונזער געמיינדע."

**אלפין רעזידענשעל קא-מענעדזשינג פארטנער טאד שעפלער האט געזאגט,** "מיר זענען איבערראשט אויפצושליסן די אומבאנוצטע פאטענציעל פון דעם באדן, וואס דינט אלס א קאטאליסט פאר די שטאט צענטער פון היקסוויל'ס רעוויטאליזאציע. אונזער ציל איז צו איבערגעבן א קאמבינירטע-באנוץ אנטוויקלונג וועלכע אינטעגרירט גלאטערהייט מאדערנע וואוינונגען, ריטעיל אינעם געגנט, און אפענע באדנס וועלכע וועלן פארוואנדלען דער אפגעלאזנער געגנט צו א ווירבלנדע געמיינדע און אומגעגנט. מיט א לאקאציע לעבן די היקסוויל לונג איילענד באן סטאנציע, איז אונזער וויזיע צו פריאריטיזירן טראנס-אריענטירטע אנטוויקלונג פרינציפן, מיטן באטאנען פארבינדונג און צוטריט. מיר שעצן די שטיצע פון די נאסאו קאונטי אינדוסטריעלע אנטוויקלונג אגענטור, דער טאון פון אויסטער בעי, און דער סטעיט פון ניו יארק און קוקט אויס צו ביישטייערן צום טאון'ס אנטשיידונג און די העכערע קוואליטעט פון לעבן פאר זיינע איינוואוינער."

**געבוי און קאנסטרוקציע טרעידס קאונסיל אוו נאסאו און סאפאלק קאונטיס פרעזידענט מאטיו אראקיטש האט געזאגט,** "איך בעט אויסלויבן דער גאווערנער פאר איר באנייטע וויזיע מיטן באהאנדלען

דעם נויט פאר הויזינג דא אין לונג איילענד. די שטאט צענטער רעוויטאליזאציע איניציאטיוו זעצט פאר צו געבן קראפט פאר אונזערע געמיינדעס מיטן פארבעסערן אונזער סטעיט, אונזער ראיאן, און אונזער קוואליטעט פון לעהן. די אלפין פראיעקט באזונדער טוט צייגן א צוזאג צו אויפסניי דעפינירן טראנס-אריענטירטע אנטוויקלונג ארום די מערסט באנוצטע LIRR סטאנציע אין נאסאו קאונטי. פראיעקטן אזוי ווי דאס שטעלן צו נישט בלויז הויזינג מעגליכקייטן פאר די צוקונפטיגע דור פון לונג איילענד, נאר אויך ארבעט געלעגנהייטן וועלכע וועלן ביישטייערן דעם ליין פון די פארשידענע פאכן אין קאנסטרוקציע."

**היקסוויל דאונטאון רעוויטאליזאציע קאמיטעט קא-טשעיר און וויזיע לונג איילענד דירעקטאר עריק אלעקסאנדער האט געזאגט,** "די לאנג ערוואַרטעטע רעוויטאליזאציע פון שטאט צענטער פון היקסוויל איז געפלאנט געווארן מיט די געמיינדע אין פארלויף פון די לעצטע צען צו פופצן יאר. מיר זענען צופרידן צו זען דער צווייטער קאמבינירטער-באנוץ פראיעקט וואס שטעלט צו פלאץ פאר האנדל און דירות נאנט צו די באן און אנדערע סערוויסעס. קודאס צו גאווערנער האקול, דער טאון פון אויסטער בעי, פירער פון די געמיינדע, און די וואס אנטוויקלען דאס פאר דאס פארווירקליכן דעם פראיעקט."

**לונג איילענד פעדעראציע פון לייבאר פרעזידענט דזשאן דורסאו האט געזאגט,** "די יעצטיגע דורכברעכונג באוועגט דעם נאדל אויף הויזינג און הייבט די געמיינדע'ס וויזיע פאר באדייטנדע טראנס-אריענטירטע אנטוויקלונג. מיר שטייען אויף לייבור סטאנדארטן וועלכע שטיצן פיינע יוניאן אמטן, און זעצן פאר פאראינטערעסירן געמיינדעס אין דעם פראצעדור פון די וויזיע. ווען מיר באנוצן די שליסל באשטאנדן קענען מיר מאכן עכטע פארשריט אויף די אלגעמיינע הויזינג קריזיס מיט וועלכע אונז זעלבסט טוען זיך פארמעסטן. היינט איז דא פארשריט. מיר האבן מער ארבעט צו טוהן."

אלס א [DRI געווינער אין 2017](), טוט היקסוויל אדאפטירן ביידע די מעגע-ריטעיל צענטער און די מאמ-און-פאפ געשעפט פראנטן אין צענטער פון שטאט. פאבליק שטיצע פאר רעוויטאליזאציע, געטאפלט מיט DRI באצאלונג, וועט ערלויבן פארבעסערונגען אין די פוס-גייער אומגעבונג צו עס מאכן מער זיכער און סטימולירן דאס גיין צופוס און ביציקלען אלס מעגליכקייטן פאר טראנספארטאציע. די ווארטנדע פארבעסערונגען פאר די מערסטע ביזי סטאנציע אויפן לונג איילענד באן ליניע וועט געבן די געלעגנהייט פאר אן עכטע רעגענעראציע פון דעם געגנט. עס ווערט דערוואַרטעט פארגרעסערטע פארקער פון רייזנדע און פאדערונג פאר הויזינג, די וויזיע פאר היקסוויל נעמט אויך אריין נייע פאבליק פלעצער פאר עווענטס און א גרעסערע אויסוואל פון הויזינג מעגליכקייטן.

היקסוויל, א שטעטל אין דעם טאון פון אויסטער בעי, איז א טראנס-ריכע און לעבהאפטע געמיינדע אין צענטראל נאסאו קאונטי. די DRI געגנט געפינט זיך אין די צענטראלע ביזנעס דיסטריקט, און נעמט אריין עטנישע שפייז פלעצער, ספעציעלע שפייז מארקעטס און קולטור צענטערס, ווי אויך ריטעיל און אפיס באנוץ.

**איבער די דאונטאון אויפלעבן איניציאַטיוו**

ניו יארק סטעיט'ס DRI – א הויפט באשטאנדטייל פון איר עקאנאמישע אנטוויקלונג פראגראם – טראנספארמירט שטאטישע צענטער געגנטער צו ווערן ווירבלנדע צענטער וועלכע אפפערן א הויכע קוואליטעט פון לעבן און וועלכע זענען ווי מאגנעטן פאר נייע דעוועלאפמענט, ביזנעס, נייע דזשאבס און עקאנאמישע און האוזינג פארשידנארטיגקייט. ווערנדיג אנגעפירט דורך די סטעיט דעפארטמענט מיט הילף פון עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט, די היימער און קאמיוניטי רינוּעל און NYSERDA — איז די DRI א פרעצעדענטלאזע און שעפערישע "אומר ועושה" סטראטעגיע וואס פארט צוזאם סטראטעגישע פלאנירונג מיט באלדיגע אויספירונג, און די רעזולטאטן דערפון זענען געדיכטע, פיסגייער-פריינטליכע שטאט צענטערן וואס זענען א הויפט באשטאנדטייל אינעם העלפן ניו יארק סטעיט צוריק אויפבויען איר עקאנאמיע נאך די ווירקונגען פון די קאוויד-19 פאנדעמיע, און אזוי אויך צו ערגרייכן די סטעיט'ס דרייסטע

קלימאט ציהלן דורכן שטופן פאר דאס באנוץ מיט פובליק טראנספארטאציע און רעדוצירן דאס זיין געוואנדן אויף פריוואטע קארן. מער אינפארמאציע וועגן די DRI איז צום באקומען דא.

ביז יעצט, די DRI האט אינוועסטירט כמעט 3,500 יוניטס פון דאונטאון האוזינג, כמעט א דריטל וואס איז אפארדעבל, מיט מער צו קומען אנליין אלס רונדע 6 אווארדעד צו קאמיוניטיס אריינגעבן זייער סטראטעגישע אינוועסטמענט פלענער און פראפאסד פראיעקטן.

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן